**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/16/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול מעלדט פארלאנג פאר פראפאזעלס פאר געוועזענע לינקאלן קארעקשאנעל פאסיליטי סייט אין הארלעם**

***פארלאנג פאר פראפאזעלס פריאריטיזירט אפארדעבל האוזינג און מינאריטעט און פרויען-אייגנטום דעוועלאפמענט פירמעס***

***זעט פארלאנג פאר פראפאזעלס וואס מען דארף ארייננעבן מאי 23 דא***

גאָווערנאָר קעטי האקול האט היינט געמאלדן א פארלאנג פאר פראפאזעלס פאר די ווידער-אנטוויקלונג פון געוועזענע לינקאלן קארעקשאנעל פאסיליטי, וואס געפינט זיך אויף 31 - 33 וועסט 110 סטריט אין הארלעם. די יעצט-אומגענוצטע 10,000 סקווער פוס סייט, קעגן איבער די גאס פון צענטראל פארק, שטעלט פאר א געלעגנהייט צו שאפן א לעבהאפטיגע אנטוויקלונג וואס מאקסימיזירט עקאנאמישע פאטענציאל, שטיצן דזשאב שאפונג, און נאכקומען די שטייגנדע פארלאנג פאר אפארדעבל האוזינג אין ניו יאָרק סיטי. אפליקאנטן קענען זען די פארלאנג פאר פראפאזעלס דאקומענט דאאון ארייננעבן א פראפאזעל צו עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט ביז מאי 23, 2023 אום 2:00 ET.

"די געוועזענע לינקאלן קארעקשאנעל פאסיליטי שטעלט פאר א געוואלדיגע געלעגנהייט צו איבערארבעטן א מאסיווע, ליידיגע פאסיליטי צו א קאמיוניטי אנקער און אדרעסירן קריטישע געברויכן אזוי ווי אפארדעבל האוזינג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיין אדמיניסטראציע וועט ווייטער טראכטן שעפעריש און סטראטעגיש לגבי ליידיגע און אומגענוצט טורמעס - ארייננרעכענענדיג אונזער איבערזיכט פון די טורמע ווידער-אנטוויקלונג קאמיסיע'ס רעקאמענדאציעס - צו אויפשליסן אונזער האָוזינג פאטענציאל, פארמערן עקאנאמישע געלעגנהייטן, און ברענגען ניו יארק פאראויס."

פריער, האט גאווערנער האקול געמאלדן די 'ניו יארק געדיכטע האוזינג' (New York Housing Compact), א סטראטעגיע פאר די גאנצע סטעיט צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס דורכן בויען 800,000 נייע הייזער איבער די קומענדיגע צען יאר צו נאכקומען די שטייגנדע פארלאנג. פרובירנדיג צו בויען אויפן גאווערנאר'ס פלאן צו מאכן ניו יארק מער אפארדעבל, טוט די RFP מוטיגן פראפאזעלס צו מאקסימיזירן די צאל אפארדעבל יוניטס וואס עס שאפט אלס טייל פון די לינקאלן ווידער-אנטוויקלונג. דער פראיעקט וועט אויך פריאריטיזירן ארבעטן מיט מינאריטעט און פרויען-אייגנטום (minority and women-owned business enterprise, MWBE) דעוועלאפמענט פירמעס און וועט שענקען ביז 20% פון די אוועילעבלס פוינטס צו פראפאזעלס אנגעפירט דורך MWBE's.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער האופ נייט האט געזאגט,** "די ווידער-אנטוויקלונג פון לינקאלן קארעקשאנעל צענטער שטעלט פאר א געלעגנהייט פאר די סטעיט צו ווערן ווידער פארגעשטעלט אלס א קלוגע, סוסטעינעבל דעוועלאפמענט וואס אדרעסירט די עקנאמישע און האָוזינג געברויכן פון די הארלעם קאמיוניטי. בויענדיג אויף די גאווערנאר'ס געטריישאפט צו מאכן ניו

יארק מער אפארדעבל, טוט די RFP מוטיגן פראפאזעלס צו מאקסימיזירן די צאל אפארדעבל יוניטס וואס עס שאפט. דורכן פריאריזירטן אפארדעבל האוזינג ווי אויך באדייטפולע אנטיילנעמונג פון MWBE'ס, קענען מיר פארזיכערן אז די דעוועלאפמענט וועט זיין איינשליסנד, אייניג, און קומט נאך די שטייגנדע פארלאנג פאר האָוזינג. מיר מוטיגן אינטערעסירטע צו אריינגעבן ערפינדעריש פראפאזעלס וואס נוצן גענצליך אויס די סייט'ס פאטענציעל צו דעליווער'ן אפארדעבל האָוזינג און שאפן א לעבהאפטיגע צענטער פון געלעגנהייט וואס וועט בענעפיטירן די ארומיגע קאמיוניטי."

איידערן ווערן גענפנט אלס א קארעשאנעל פאסיליטי אין 1976, האט די געביידע געדינט מערערע ציווילע און קאמיוניטי באנוצן. געבויט אין 1914, איז עס אריגינעל גענוצט געווארן דורך די יונגע פרויען'ס היברו אסאסיאציע צו דינען ניי אנגעקומענע אימיגראנטן. דורכאויס די צווייטע וועלט קריג, האט די געביידע צוגעשטעלט א פלאץ צו רוען פאר די פאראייניגטע שטאטן ארמיי. אין די שפעטע 1940 און 1950 יארן איז די געביידע געדינגען געווארן דורך די ניו יאָרק סיטי שולע סיסטעם און גענוצט אלס "די נייע לינקאלן שולע". אין 1951, האט ניו יאָרק סיטי אפגעקויפט די געביידע פאר ווייטערדיגע באנוץ אלס א שולע. פון 1976 ביז סעפטעמבער 2019, האט די געביידע פונקציאנירט אלס א מינימום סעקיוריטי קארעקשאנעל פאסיליטי.

לינקאלן קארעקשאנעל פאסיליטי האט זיך פארמאכט אין 2019 אלס טייל פון די סטעיט'ס אנגייענדע איניציאטיוו צו ארויסנעמען פון דינסט עטליכע אומבאנוצטע טורמע פאסיליטיס דורכאויס ניו יאָרק סטעיט. די לאקאציע פון די סייט זיצט דירעקט קעגנאיבער צענטראל פארק און איז נאנט צו טראנזיט, געשעפטן, שולעס, און הויפט קולטור איסטיטוציעס. דאס שטעלט פאר אן אייגנארטיגע און דערפרייענדע געלעגנהייט פאר ווידער-אנטוויקלונג פאר די צוועקן וואס שטייען אויסגעשריבן אינעם RFP, אריינרעכענענדיג די שאפונג פון אפארדעבל האָוזינג ווי אויך נייע קולטור און עדיוקעישאנעל פלעצער פאר די הארלעם קאמיוניטי.

די הויפט צילן פאר די RFP זענען צו מאקסימיזירן עקאנאמישע בענעפיט פאר ניו יאָרק סיטי און די סטעיט דורך די ווידער-אנטוויקלונג פון דאס פלאץ אין וועגן וואס ברענגען פאראויס דאס שאפן אפארדעבל האוזינג, נייע דזשאבס, שטעלט צו טרענירונג געלעגנהייטן, סטימיולירט די לאקאלע עקאנאמיע, און פעדימט איין דאס פלאץ אין די לאקאלע קאמיוניטי. דורכן פריאריטיזירן די צילן, קען דאס פלאץ דינען אלס קאטאליסט פאר איינשליסנדע און אנהאלטבארע אורבען דעוועלאפמענט, האבן א פאזיטיווע ווירקונג אויף די לעבנס פון איינוואוינער, און ביישטייערן צו די לאנג-טערמיניגע וואוקס און בלי פונעם ראיאן.

כדי צו באקומען א העכערע צייכן אינעם RFP אפשאצונג, זאלן פראפאזעלס אדרעסירן די פאלגנדע דעוועלאפמענט צילן:

- מאקסימיזירן די צאל אפארדעבל האוזינג יוניטס
- צושטעלן נייע דזשאב געלעגנהייטן פאר לאקאלע איינוואוינער
- צייגן גוט-דורכגעטראכטע פלאנירונג און דעזיין פרינציפן
- איינשליסן סוסטעינעבל און גרינע בויען פראקטיצן
- פארזיכערן באדייטנדע אנטיילנעמונג פון מינאריטעט אייגנטום ביזנעס ענטערפרייזעס (Minority Owned Business Enterprises, MBE), פרויען אייגנטום ביזנעס ענטערפרייזעס (Women Owned Business Enterprises , WBE), און סערוויס-דיסעיבלד וועטעראן אייגנטום ביזנעסער (Service-Disabled Veteran-Owned-Businesses, SDVOB).

די ווידער-אנטוויקלונג פון לינקאלן קארעקשאנעל פאסיליטי גיבט צו צו גאווערנער האקול'ס באמיאונגען צו ווידער-פלאנירן אפסטעיט פארמאכטע טורמעס פאר שפעפערישע ווידער אנטוויקלונג געלעגנהייטן

דורכאויס ניו יאָרק סטעיט. אין דעצעמבער 2022, האט גאווערנער האקול ארויסגעגעבן די ניו יארק טורמע איבער-אנטוויקלונג קאמיסיע רעקאמענדאציעס, וואס נעמט אריין דעטאלירטע פלאץ אנאליזירונג פון 12 פארמאכטע טורמעס און באטראכט איבער-אנטוויקלונג געלעגנהייט פאר יעדע פלאץ זיי צו העלפן בעסער סערווירן די סטעיט'ס עקאנאמישע געברויכן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן